Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען — היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 281/1576 | Łódź, Poniedziałek 3 grudnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ כסלו תרפ"ט | Nr. 281/1576

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71


# דריי סוחרים-צוזאמענפאהרען אין ווארשא

## די פויזנער „יחסנים" פאסט נישט צו רעדען מיט די יודען.

וו א ר ש א, 2 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער היינטיגער טאג אין ווארשא איז א דורך אונטערן צייכען פון סוחרים-צוזאמענפאהרען.

עס זענען פארגעקומען 3 צוזאמענפאהרען: פון פוילישע סוחרים-פעראיינען, יודישע סוחרים-פעראיינען און יודישע קליינהענדלער.

דער צוזאמענפאהר פון יודישע און פוילישע סוחרים-פעראיינען האט געוואלט זיין א געמיינזאמער, אבער מיט א וואך צוריק האבען די פויזנער סוחרים-דעלעגאטען ערקלערט, אז זיי וועלען נישט אפהאלטען קיין קאנפערענצען צוזאמען מיט יודען.

צום יודישען סוחרים-צוזאמענפאהר זענען געקומען 270 דעלעגאטען פון אלע גרעסערע שטעט און שטעטלעך פון פוילען.

געעפענט די קאנפערענץ האט דער נעווע. סענאטאר טרוסקער, וועלכער האט געהאלטען א לענגערע רעדע, אנווייזענדיג אגב, אז דער איצטיגער שטייער-סיסטעם רואינירט דאס יודישע סוחר'טום, ובפרט — דער אומזאץ-שטייער.

נאך טרוסקער'ן האט גערעדט דער געוועז. מיניסטער קלארנער, פרעזעס פון ווארשאווער האנדעלס-קאמער. ער האט אנגעוויזען, אז ביז-איצט האבען די ווירטשאפטליכע ספערען אויסגעהאלטען די גלייכגעוויכט פון די ביורזשעטען; איצט זענען זיי עס אבער נישט בכוח מעהר צו טון. אפיציעל — האט קלארנער אנגעוויזען — מאכט אויס דער אומזאץ שטייער פון 1 ביז 2 פראצענט. אין דער ווירקליכקייט בעטרעפט ער אבער ביז 15 פראצענט.

נאך איהם רעדט א פארשטעהער פון האנדעלס-מיניסטעריום, וועלכער ענטשולדיגט זיך פאר האנדעלס-מיניסטער צוליב זיין נישט קומען צו דער קאנפערענץ.

דאן האט גענומען א ווארט דער ה' עווערט — פערטרעטער פון דער ליגע פאר זעלבסט-אויסהאלט, און זאגט צ. א., אז די סוחרים האבען צו פעראנקען זייער וואוילזיין דער פאטריאטישקייט.

דעם לעצטען רעדנער האט שארף געענטפערט דער ה' טרוסקער, און לסוף איז נעוועהלט געווארען א קאמיסיע, וועלכע דארף אויסארבייטען די טעקסטען פאר די רעזאלוציעס.

אין דער ראזינער קאמיסיע איז צ. א. געוועהלט געווארען דער פערטרעטער פון לאדזער סוחר'טום, ה' זאקס.

* * *

ווי געזאגט, איז היינט אויך פארגעקומען דער צוזאמענפאהר פון יודישע קליינהענדלער.

עס זענען געקומען 120 דעלעגאטען.

דעם צוזאמענפאהר האט געעפענט ה' וואַרעדלעוויטש. אין זיין רעדע האט ער זיך בעקלאגט אויף די גרויסע סוחרים, און אויף דער פראקטיק פון די האנדעלס-קאמערען.

עס זענען אנגענומען געווארען ענטשפרעכענדע רעזאלוציעס.

היינט, מאנטאג, וועלען דעלעגאטען פון די דריי צוזאמענפאהרען (נאך נישט בעקאנט, צי וועלען זיי געהן צוזאמען) פארשטעלען די רעזאלוציעס פון די צוזאמענפאהרען פאר'ן פרעמיער בארטעל, האנדעלס-מיניסטער און פינאנץ-מיניסטער.

## לעאן לעוויטע פאהרט נאך פראפ. חיים ווייצמאן.

וו א ר ש א, 2 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז ארויסגעפאהרען קיין בערלין דער פרעזעס לעאן לעוויטע, כדי איינצולאדען חיים ווייצמאנען אויף דעם ציוניסטישען צוזאמענפאהר אין ווארשא, וועלכער דארף בקרוב פארקומען און אויף וועלכען עס זאל ווערען ארורכגעפיהרט דער ענדגילטיגער קאמף געגען גרינבוים'ס שיטה.

## די א"י-קאמוניסטען האבען געשטיצט דעם דרוזען-אויפשטאנד

י ר ו ש ל י ם, (י.ט.א.) די טעג איז אין תל-אביב'ער געריכט פארגעקומען דער פראצעס געגען יודישען קאמוניסט טייכמאן. בעת'ן פראצעס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די קאמוניסטען אין ארץ-ישראל האבען אין יאהר 1925 געגעבען מאטעריעלע אונטערשטיצונג די דרוזען בעת זייער אויפשטאנד געגען דער פראנצויזישער מאנדאטען-מאכט. ביי טייכמאנען האט מען געפונען א דאקומענט, אין וועלכען עס ווערט גערעדט וועגען 65 פונט, וואס די ארץ-ישראל-קאמוניסטען האבען איבערגעשיקט די דרוזען.


צו דער חתונה פון אונזער ליבען קוזין

ה' ישראל זיטנער

מיט פרל. לאלא משערניאקאוו

וועלכע איז נעכטען דעם 2-טען דעצעמבער פארגעקומען אין דאמביע ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען 2882

איגנאץ פאמעראנץ און פאמיליע.

Z intencji zaręczyn
p. EDZI JAKUBOWICZÓWNY
z p. SALOMONEM JANASOWICZEM
gratulują i życzą różowej przyszłości
Pola Gleichmanówna,
Pola Berkenwaldówna.
2871

STUHLMEISTER

pragnie zmienić posadę na warsztaty kortowe i angielskie. Przyjmuje remont lub przeprowadzkę. Roboty wykonuje solidnie pod gwarancją. 28-32

Zgłoszenia proszę składać listownie:
Łódź, Goplańska 16 M SPICBERG.

ציוניסטישע ארבייטס-פארטיי „התאחדות"
שענקעוויטשא 3/5.

היינט מאנטאג, דעם 3-טען דעצעמבער, האלב 9 אוונד, קומט פאר אין לאקאל פון „התאחדות", שענקעוויטשא 3/5

א גרויסע יוגענד-פערזאמלונג

אויף דער טעמא:

„די יודישע יוגענד און דאס נייע ארץ-ישראל"

רעפערירען וועלען דער מיטגליד פון די ארץ-ישראל דעלעגאציע

ש. זשוכאוויצקי און רעד. פון „די יודישע רונדשוי" ד"ר מ. וואלדמאן.

2874

אנ'ענערגישער

אינקאסענט

מיט גוטע רעפערענצען ווערט זאפארט געזוכט פאר א וויכטיגע יודישע וואוילטעטיגקייטס-אינסטיטוציע.

אפערטען sub „B. Ch. U." אין דער אדמיניסטראציע.

5928

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 70 יאהר אונזער הייסגעליבטער פאטער, גרויס-פאטער, ברודער און שוואגער

נ. ע. יוסף יצחק דימאנט

די לוי' קומט פאר היינט, מאנטאג, 12 א זייגער מיטאג פון טרויער-הויז נארוטאוויטשא (דזיעלנא) 25, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

הרב

הירצל הארצשטארק

האט זיך איבערצויגען אויף

זשעראמסקיעגא (פאנסקא) 3

רוג קאנסטאנטינער.

# נוצט אויס די געלעגענהייט!

פון מאנטאג, דעם 26-טען נאוועמבער ביז דעם 5-טען דעצעמבער ד. י.

פערקויף איך 50% פון די קאסמעטישע ארטיקלען

צו שפאט ביליגע פרייזן

15 ביז 30 פראצענט אונטער'ן פרייז

בעמערקונג: יעדער קויפער בעקומט גראטיס א פלאקאן עכט קעלניש וואסער JOHAN MARJA FARINA און א טובקע צאהן-פאסטא CHLORODONT

S. BUCHWAJC PIOTRKOWSKA 22 פערפומעריע

TELEF.: 31-43 i 59-67.

